# מאמר התחזקות:

☜ א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף "שמירת עינים"
ארויסגעגעבן דורך "הוצאות טהור עינים"



געשריבן לויטן תוכן הספר:
**שמירת עינים כהלכה**
שער א' - הלכה למעשה
שער ב' - אוצרות העינים
שער ג '- סיפורי צדיקים
שער ד' - טהור עינים
**באידיש**
**הספר בהדרו יופיע אי"ה ע"י הוצאות טהור עינים**
**כל הזכויות שמורות להמערכת**

שנה ג' גליון ל"ט | שופטים-כי תצא תשע"ט

אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא:

# אֵין אָדָם שׁוֹמֵעַ לִי וּמַפְסִיד

## פון **שמירת עינים** דערלייגט מען נישט! ג'

**שטוינענדע מעשיות פון אונזערע צייטן וועלכע איבערציייגן אונז איינמאל און נאכאמאל: פון היטן די אויגן האט מען נישט קיין שאדן, אדרבה, מען פארדינט גאר אסאך.**

עצת ה' הוא תקום:

## פראטעקציע פון די "העכערע פענסטער"...

**שלום וברכה אל כבוד המערכת החשובה.**

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע גליונות וואס באלייכטן די אויגן פשוטו כמשמעו - תחזקנה ידיכם וזכות הרבים תלוי' בכם.

ביי מיר האט פאסירט אזא מעשה: געווען איז דאס אין אן ערב שבת, א חבר מיינער רופט מיך אן און בעט מיר צי איך קען אים קומען אפנעמען מיט מיין קאר פון א דעפארטמענט געשעפט וואו ער איז געווען איינקויפן צוזאמען מיט זיין ב"ב. איך בין פונקט געווען אין געגנט, האב איך מסכים געווען אים צו טון די טובה.

מיט נישט לאנג פריער האב איך מקבל געווען אויף מיר צו זיין נזהר אין שמירת עינים, דעריבער אנקומענדיג צום דעפארטמענט געשעפט האב איך מחליט געווען אז איך וועל נישט לאזן מיינע אויגן פריי און איך וועל נישט קוקן אפילו ווי זיי קומען אריין אין קאר, איך וועל בלויז פרעגן צי מ'קען שוין פארן.

כך הוה, זיי זענען אריינגעקומען, זיך מסדר געווען מיט אלע זאכן, ויסעו.

**אזוי געב איך אלעמאל אכטונג אויפ'ן געזעץ וואס פארלאנגט איינצובינדן קינדער אין א קאר סיעט, דא אבער, היות איך בין געווען פארזונקען אין מיינע מחשבות צו היטן מיינע אויגן, האב איך נישט אין אכט גענומען אז זיי האבן מיטגעברענגט מיט זיך זייער קליין קינד און ער זיצט אָן א קאר סיעט. דער פארזעצונג פון די מעשה איז געווען אז א פאליציאנט האט מיך אפגעשטעלט, און מיך געגעבן א טיקעט פאר'ן פירן א קינד וואס איז נישט איינגעבונדן.**

איך האב מיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי מענטשן וואס איך קען דא טון, אבער יעדער האט מיר געזאגט אז ס'איז נישט דא קיין סאך וואס צו טון, וויבאלד קינדער סעיפטי איז א הארבע זאך, און איך קען ערווארטן פון דעם טיקעט דריי פוינטס אויף מיין לייסענס אין צוגאב פון א גרויסן געלט שטראף.

מילא, א כפרה דאס געלט, אבער די פוינטס האט מיך שטארק געבאדערט. איך האב געבעטן דעם אויבערשטן אז איך זאל נישט האבן קיין שאדן פון מיין זהירות אין שמירת עינים און איך זאל קענען אפשלאגן כאטש די פוינטס.

ס'איז אנגעקומען מיין פרי-טרייעל, מ'רופט אויס מיין נאמען, און די ריכטערין לייגט פאר די באשולדיגונג אויף מיר. געווענליך ביי א פרי-טרייעל לאזט מען נישט רעדן קיין סאך, מ'קען בלויז זאגן צי מ'נעמט אן די באשולדיגונג צי נישט. איך האב אבער געפרואווט מיין מזל, און איך האב מיך אנגעהויבן צו פארטיידיגן פאר דער ריכטערין, זאגנדיג, אז נארמאל געב איך שטארק אכטונג צו היטן אלע געזעצן, איבערהויפט ווען ס'קומט צו קינדער

## זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **יואל** ברמ"י
**פאלקאוויטש** הי"ו
לרגל נשואי בנו למז"ט הבה"ח המופלג בתוי"ש כמר **יוסף חיים** נ"ו עב"ג בת הרה"ח ר' **מנחם האלענדער** הי"ו
בזכות זיכוי הרבים יעזור השי"ת שהזיווג יעלה יפה ויתברכו בכל טוב וירוהו רב נחת מכל יוצ"ח מתוך הרחבת הדעת ואך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייהם

דורשי ה' לא יחסרו כל טוב:

## מ'קען נישט דערלייגן אפילו די מינדעסטע הנאה!

נישט נאר ביי א געלט שאדן איז געזאגט געווארן דער **"אין אדם שומע לי ומפסיד,"** נאר סיי וועלכע זאך א מענטש קלערט אז ער וועט שאדן האבן מיט'ן טון דעם רצון ה', צייט, טירחה, כבוד, אדער יעדע אנדערע הנאה אין דער וועלט, אדער אפילו א רוחניות'דיגן שאדן, ווי תורה און גמילות חסדים, ביי אלעם איז דא די הבטחה פונעם אויבערשטן אז פונעם אים פאלגן דערלייגט מען נישט. און די זעלבע איז פארקערט אויך, אז פונעם נישט טון וואס ער הייסט קען מען גארנישט פארדינען.

אט די יסודות'דיגע נקודה שמועסט אויס **הגה"ק מקאזילגאוו זצ"ל**, אין זיין ספר ארץ צבי (ויצא), וואו ער ערקלערט, אז פונקט אזוי ווי דער רבש"ע שרייבט אפ ראש השנה פאר'ן מענטש יעדע זאך וואס וועט פאסירן מיט אים במשך דעם קומענדיגן יאר, די זעלבע ווערט אויך באשטימט א פונקטליכן מאס פון **הנאה** וואס דער מענטש זאל האבן.

יעצט, זאגט ער ווייטער, וואס וועט זיין אז ס'קומט אונטער פאר עמיצן א נסיון, וואו ער קען הנאה האבן דורכ'ן טון אן איסור, און דער מענטש איז עומד בנסיון און ער האט נישט הנאה אויף דעם אופן? דאס קען אוודאי נישט זיין אז ער וועט דערלייגן די הנאה, ווייל דאס האט מען דאך אים אנגעשריבן ראש השנה. נאר די הנאה וועט אים סוף כל סוף קומען אויף אן אנדערן אופן, בהיתר, אזוי אז ער וועט גארנישט דערלייגן מיט'ן נישט טון דעם איסור.

המשך אויף עמוד ב'

## דורשי ה' לא יחסרו כל טוב:

המשך פון עמוד א'

און די זעלבע פארקערט, אויב האט ער ח"ו יא הנאה פון דעם איסור, וועט ער גארנישט פארדינען דערפון, ווייל ער קען נישט אויף קיין שום פאל האבן די מינדעסטע הנאה מער וויפיל מ'האט פאר אים אנגעשריבן. נאר די הנאה וואס ער האט יעצט דורכ'ן טון אן איסור, דערלייגט ער אויף אן אנדערן פלאץ וואו ער וואלט עס געהאט באופן היתר. (ומביא ראיה לדבריו מגמרא במסכת במנחות מד., שהגמרא מספרת איך שעמד אחד בעבירה שבאת לידו, ולבסוף בא לו אותו דבר עצמו בהיתר.)

דעריבער, זאגט דער קאזילגאוואער, **ווען דער יצר הרע קומט צו א מענטש און ער רייצט אים אן צו טון אן עבירה מיט'ן חשבון אז ער וועט האבן דערפון א שטארקע הנאה, און דער מענטש שפירט ביי זיך אז מיט'ן נישט טון די זאך וועט ער פארפאסן די הנאה וואס ער קען דא האבן, דארף ער וויסן אז דאס איז פשוט נישט אמת - ער וועט גארנישט דערלייגן מיט'ן נישט טון די עבירה. אדרבה, ס'איז ממש א נארישקייט הנאה צו האבן אויף דעם אופן, ווייל די הנאה איז דאך באשטימט פאר אים אויף יעדן פאל**, און ווען ער וועט עס נישט באקומען באיסור וועט עס ממילא אנקומען צו אים בהיתר.

~

## ווארט צו אביסל וועסטו אלעס באקומען בהיתר

און ער ברענגט א מעשה וואס האט פאסירט ביי **הרה"ק מוואורקא זצ"ל**, וועלכע ווייזט איבער דעם ענין: הרה"ק מוואורקא האט געהאט א משמש א גרויסער ארעמאן, וועלכער האט נישט פארמאגט קיין געלט צו קויפן א נייעם פאר שיך, און דער ווארקער רבי האט מחליט געווען אים ארויסצוהעלפן. איז ער געגאנגען און ער האט צאמגענומען געלט פאר אים, מיט'ן חשבון דאס צו געבן דעם משמש ער זאל זיך קענען גיין קויפן נייע שיך.

אינצווישן האט דער משמש, וועלכער האט נישט געוואוסט פון דער גאנצער זאך, באמערקט דאס געלט, און זייענדיג אין א געדריקטן מצב האט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון, און ער האט גע'לקח'נט דאס געלט.

המשך אויף עמוד ג'

זיכערהייט, נאר דא איז עס געווען מיין חבר'ס קינד וועלכער האט מיר געבעטן א טובה אים צו נעמען היות ס'איז פאר שבת און ער יאגט זיך אהיים, און צוליב דעם איילעניש האב איך נישט אין אכט גענומען אז זיין קינד איז נישט איינגעבונדן ווי דער געזעץ פארלאנגט.

די ריכטערין הערט אויס מיין גאנצע מעשה, און זי זאגט מיר איך זאל עס איבערדערציילן פאר'ן פראקוראר. זעענדיג ווי די ריכטערין האט פארשטענדעניש מיט מיר, האט דער פראקוראר אויך גענומען א ווייכערע צוגאנג, און מיך פארגעשלאגן צו איינגיין אויף א געלט שטראף פון $175 אן קיין פוינטס בכלל! נו, אויף דעם האב איך שוין מסכים געווען.

אוועקגייענדיג האב איך באמערקט ווי די אנוועזנע דארט חידוש'ן זיך, וויבאלד ס'איז נישט דער סדר זיך צו פארטיידיגן פאר'ן שופט ביי א פרי-טרייעל - זעט אויס אז פון די "העכערע פענסטער" האט מען געוואונקען אז איך האב פראטעקציע...

למעשה האט מיר מיין חבר באצאלט א חלק פונעם טיקעט, און איך בין ארויס פון דער גאנצער זאך מיט א מינימאלן שאדן.

**ב.ד.י.**

~

**כי מנסה ה' אלקיכם אתכם:**

## נישט דערלייגט די ארבעטס געלעגנהייט

איבער'ן ענין פון **"אין אדם שומע לי ומפסיד,"** וויל איך פארציילן א מעשה, וואס מ'קען דערפון לערנען אז כאטש ס'איז דא אמאל וואס ס'קוקט אויס ווי דאס זיך האלטן ערליך וועט גיין אויפ'ן חשבון פון דער פרנסה, איז דאס למעשה בלויז אן אויגן פארבלענדעניש, כי מנסה ה' אלקיכם אתכם, אבער ווען דער מענטש שטארקט זיך איבער'ן נסיון, שיילט זיך ארויס ווי ער האט גארנישט דערלייגט דורכדעם.

ס'איז געווען א יונגערמאן וועלכער האט געזוכט א פרנסה, און ס'איז אים אונטערגעקומען זיך צו לערנען א געוויסן פאך, א פרנסה קלה ונקיה וואו מ'קען פארדינען שיין, און דער יונגערמאן האט באשטעלט א פלאץ ביי אן ארגאניזאציע וואס גיבט טרעינירונג אויף דעם פאך.

למעשה, ווען דער יונגערמאן האט געוואלט אנהייבן מיט די טרעינירונג סעסיעס, איז ער געוואויר געווארן אז די טרעינירונג ווערט געגעבן דורך א פרוי. ער איז געווען אין א פארלעגנהייט; פון איין זייט האט ער דא א געוואלדיגע געלעגנהייט זיך צו לערנען א פאך און פארדינען שיין פרנסה, אבער פון דער אנדערער זייט האט ער נישט געקענט פועל'ן ביי זיך זיך אראפצוזעצן מיט א פרוי און דורכגיין מיט איר די גאנצע טרעינירונג.

דער יונגערמאן האט זיך געקווענקלט אהין און צוריק, ביז ער האט ענדליך אפגעמאכט אז ער גייט זיך נישט אראפזעצן מיט א פרוי אויף דעם. אי', וואס וועט זיין מיט זיין פרנסה? אויף דעם וועט שוין דער זן ומפרנס לכל זארגן; ער וועט זיכער נישט דערלייגן פון זיך פירן ערליך, און דער אויבערשטער וועט אים נישט פארלאזן.

די ארגאניזאציע האט אים פרובירט אנבאטן ער זאל אפשר נעמען די סעסיעס אינאיינעם מיט זיין בני בית, דער יונגערמאן האט זיך אבער געהאלטן שטארק און נישט געווען גרייט מוותר צו זיין אויף זיין קדושה. ער וועט ענדערש אויפגעבן אויף די גוטע פרנסה געלעגנהייט, מיט זיין שמירת עינים קען ער זיך אבער נישט ארומשפילן.

נאך עטליכע טעג באקומט דער יונגערמאן א טעלעפאן רוף פון דער ארגאניזאציע, און זיי זאגן אים אז זיי האבן באשלאסן אז זיי מוזן אים וויכטיג האבן, און זיי זענען דעריבער גרייט אז נאר זיין בני בית זאל קומען נעמען די טרעינירונג סעסיעס, און זי וועט אים עס שוין אויסלערנען. אזוי ארום איז געווען "זו וזו נתקיימה בידו" - ער איז סיי געבליבן מיט זיין ערליכקייט, און סיי באקומען די פרנסה געלעגנהייט.

> **כאטש ס'איז דא אמאל וואס ס'קוקט אויס ווי דאס זיך האלטן ערליך וועט גיין אויפ'ן חשבון פון דער פרנסה, איז דאס למעשה בלויז אן אויגן פארבלענדעניש, כי מנסה ה' אלקיכם אתכם, אבער ווען דער מענטש שטארקט זיך איבער'ן נסיון, שיילט זיך ארויס ווי ער האט גארנישט דערלייגט דורכדעם.**

**קדושת עינים האטליין**

~

**שומר מצוה לא ידע דבר רע:**

## באהיטן געווארן פון א מכשל

ס'דערציילט **הגה"צ ר' גמליאל רבינוביץ שליט"א**: אין ירושלים האט געוואוינט א איד מיטן נאמען **'ר' בעריש קורנבליט' ז"ל**. דער ר' בעריש איז געווען א גרויסער ירא שמים, פרנסה האט ער געצויגן פון א פלייש געשעפט וואס ער האט געהאט אין אלט שטאט ירושלים, ווי ער פלעגט פארקויפן פלייש פאר די ערליכע אידן אין ירושלים.

זייענדיג א קצב וואס שטייט מערערע שעות אינעם געשעפט, האט ער זיך זייער געהיטן די אויגן און קיינמאל נישט געקוקט אויף קיין שום פרוי וואס איז אריינגעקומען אינעם געשעפט, און ער פלעגט זיי באדינען פון אנהייב ביזן סוף אָן בכלל אויפהייבן די אויגן פאר קיין סעקונדע. ביים פארקויפן פלעגט ער אראפלייגן די פלייש אויפן טישל און די פרוי האט אראפגעלייגט דאס געלט אויפן טישל, און יעדער האט גענומען דאס זייניגע פונעם טישל.

איין טאג איז ביי אים נתעורר געווארן א שאלה אויף איינע פון די עופות, וואס ער האט שוין פארקויפט א גרויס חלק דערפון.

אויב אזוי, דארף ער יעצט שנעל גיין צו יענעם קונה איר מודיע זיין אז מען זאל נישט עסן דערפון ווילאנג מען ווייסט נישט וואס די הלכה איז דערמיט. אבער די פראבלעם איז נאר, אז ער קוקט דאך נישט אויף זיינע קונות, דעריבער ווייסט ער נישט ווער עס האט געקויפט דער שטיקל פלייש...

ר' בעריש איז געווען זייער צובראכן דערפון, ער האט נישט געוואלט אז פון אים זאל ארויסקומען א מכשול, און א איד

זאל חלילה נכשל ווערן אין מאכלות אסורות דורך אים. אבער וואס קען ער טון? נישט זעענדיג קיין אנדערע ברירה, האט ער פארמאכט דאס געשעפט און אריין אין א דערנעבענדיגע בית המדרש, און געדאווענט צום אויבערשטן פון טיפענישן פון הארצן אז ער זאל אים העלפן און קיינער זאל חלילה נישט נכשל ווערן דורך אים. אזוי האט ער מתפלל געווען א לענגערע צייט, און ערשט דערנאך איז ער געגאנגען צוריק עפענען זיין געשעפט.

תיכף נאכן עס עפענען, איז אריינגעקומען א פרוי און געבעטן צו קויפן פלייש. און זי האט דערציילט, אז זי איז שוין פריער דא געווען און געקויפט פלייש, אבער צו איר ווייטאג איז פלוצלינג געקומען א קעצל און עס אוועקגעכאפט פון איר און אנטלאפן דערמיט...

**ר' בעריש האט געמאכט א שנעלן חשבון מיט איר, און געזען אז זי איז טאקע די קונה פון יענעם שטיקל פלייש אויף וואס עס האט זיך געמאכט די שאלה!**

ער איז געווארן זייער פריילעך הערנדיג די גוטע בשורה, און ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט אים געראטעוועט פון א מכשול. און ער האט אויך דערציילט פאר די פרוי די גאנצע מעשה, און איר געגעבן א פרישע שטיקל פלייש בחינם.

מען זעט פון די מעשה אז מען פארלירט קיינמאל נישט פון זיך היטן די אויגן, און די באשעפער צאלט אלץ צוריק פאר א איד וואס טוט זיין רצון!

"גליון טיב הקהילה" וישב

## דורשי ה' לא יחסרו כל טוב:

המשך פון עמוד ב'

נאכ'ן נאכגיין די זאך איז מען געוואויר געווארן ווער ס'שטייט הינטער דער גניבה, און דער ווארקער רבי האט אפירגענומען דעם משמש, און אים געזאגט, "גיב א קוק ווי די גאנצע מעשה הגניבה איז געווען נישט מער ווי א נארישקייט. ווען דו ווארטסט ווען צו נאך אביסל וואלט דאס געלט ממילא אנגעקומען צו דיר, וואס האסטו אויב אזוי אויפגעטון?"

~

## מען קען נישט מרוויח זיין קיין שום הנאה דורכ'ן טון א דבר אסור

אט די מחשבה דארף א מענטש האלטן פאר זיך ווען ס'קומט אים אונטער א נסיון אין שמירת עינים, און דער יצר הרע זוכט דאס צו באצוקערן אז ס'לוינט צו קוקן אהין.

און די זעלבע איז ביי יעדע אנדערע זאך וואס ער קלערט אז ער וועט מרוויח זיין אויפ'ן חשבון פון שמירת עינים, א באַ'טעמ'טערע באציאונג מיט זיינע קליענטן, א פראקטישערן מהלך אין געשעפט, א גרינגערע לעזונג צו דער פראבלעם, א רואיגערע און געשמאקערע רייזע, א בעסערן איינדרוק אויף מענטשן, און אזוי ווייטער און ווייטער. די ביישפילן זענען אן א שיעור, און זיי קומען אפיר פאר'ן מענטש כסדר אויף אלע סארטן אופנים און פארשפרעכן אים.

**דארף א מענטש וויסן ביי זיך קלאר ביי די אלע זאכן, אז דער מאס הנאה וואס ער וועט האבן איז אים באשערט סיי ווי, און ער וועט גארנישט דערלייגן מיט'ן זיך איינהאלטן פון נהנה זיין באיסור אדער פארדינען מיט'ן הנאה האבן יעצט, סך הכל וועט אים דאס ברענגען שווערע עונשים בזה ובבא - לוינט דען דאס געשעפט?**

**ובחרת החיים!**

*דברי התעוררות לקראת ימי אלול:*

# על ידי חטא זה נופל בבת אחת ממקום גבוה למקום נמוך רחוק מהקב"ה - והתיקון לבכות כהמים להיות נוכח פני ה'

קודם כל דבר צריך לעמוד על המשמר לתקן מקור הדבר והוא שמירת עינים \ מקור החטא נובע עבור שלא עצר את עיניו לכבוש תאותו \ העיקר הוא רק לשים אל לבו היאך נתרחק מהקב"ה כל כך ע"י החטא \ אין הרהור מצוי אלא בלב פנוי מחכמה

---

בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב ואומרת שובו בנים שובבים (זוהר נשא קכו), ועתה הגיע העת אשר כל אדם צריך ליתן אל לבו היאך פגמו הגיע עד שמי שמים, וישבר לבו בקרבו באמת לנקות ולטהר את עצמו מכל חטאיו ופלגי מים תרדנה עיניו.

וקודם כל דבר צריך לעמוד על המשמר לתקן מקור הדבר, כדאיתא (רש"י במדבר טו לט) 'עין רואה ולב חומד' וכו', ואם כן בראשונה מגיע הפגם בראיית העין אשר נתן לו רשות לראות בכל מה שמתאוה ולא עצר עיניו מלראות ברע. ובזה אמרתי לפרש הפסוק (איכה א טז) 'עיני עיני יורדה מים', רמז להנ"ל שמקור החטא נובע עבור שלא עצר את עיניו לכבוש תאותו, ועל זה פלגי מים תרדנה עיניו לתקן פגם העין, וזה שאמר 'עיני' – ר"ל על שלא עצרתי את עיני כראוי, על זה - 'עיני יורדה מים'.

*

וכל עיקר הוא רק לשים אל לבו היאך נתרחק מהקב"ה כל כך על ידי חטאיו המרובים, וכמו שנראה בעליל שעל ידי חטא זה נתרחק האדם מהקב"ה, ולא יוכל אף לנטות לבו לתורה ועבודה, ועל זה פלגי מים תרדנה עיניו.

וכמו שפירש אאמו"ר זצוקלה"ה (ייטב פנים ליל ב' דסוכות אות יט) אמרו (איכה ב יט) 'שפכי כמים לבך נכח פני ה'', שר"ל כמו המים התחתונים שבכו 'אנן בעינן למהוי קדם מלכא' (תיקו"ז תיקון ה יט:), כמו כן אתה תבכה ותתחנן אל ה' שתהיה קמיה מלכא להנות מאור תורתו ועבודתו הטהורה. וזה שפכי כמים לבך, כמים דייקא, נוכח פני ה', ורצה לומר כמו המים שבכו על שרצו להיות נכח פני השם, כמו כן תהיינה הבכיות שלך. - וזה שאמר פלגי 'מים' ירדו עיני, כלומר בבחינת המים, על לא שמרו תורתיך, שעל ידי החטא הנ"ל נתרחק הרבה מהקב"ה, וצריך לבכות כמו המים שיוכל להתקרב לפני הקב"ה, וזהו גם 'עיני עיני' ירדה 'מים' דייקא.

והעיקר הוא להגות בתורה הקדושה, וכמו שכתב הרמב"ם ז"ל (בסוף הל' איסורי ביאה פכ"ב הכ"א) אין הרהור מצוי אלא בלב פנוי מחכמה.

והנה דוגמת המים הוא מרומז גם לאידך גיסא, על דרך שאמרו ז"ל בגמרא (תענית ז:) 'מה מים יורדין ממקום גבוה למקום נמוך', כמו כן הוא בחטא זה שנופל בבת אחת ממקום גבוה למקום נמוך, שקודם החטא הוא עומד במקום גבוה נוכח פני ה', ותיכף אחר החטא נגרר ויורד ארצה למקום נמוך רחוק מהשי"ת, והתקנה לזה לבכות כמו המים שרצו להיות קמיה מלכא, וזה היה בביית המים, וכמו כן יבכה הוא שירצה להיות נוכח פני ה', ושב ורפא לו:

"קדושת יום טוב" ויחי ד"ה פחז כמים

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג
איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע לייענער פונעם גליון

### הרה"ק בעל מנחת אלעזר פון מונקאטש זי"ע

איך וויל פארציילן א מעשה, פון מיין עלטער זיידן **הגה"צ ר' יוסף ישראל זעגלבוים זצ"ל, וויענער רב**. אלס בחור איז אים אמאל אויסגעקומען אריבערצוגיין א געוויסער גאס, און ער האט געהאט דארט א גרויסן נסיון אין שמירת עינים. א צייט שפעטער, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו זיין ביים הייליגן **מנחת אלעזר פון מונקאטש זי"ע**, האט אים דער מנחת אלעזר אויפגענומען גאר שיין, און זיך אנגערופן: **"א שיינער יוסף הצדיק'ל!"**

**געהערט פון אן אייניקל**

~

### א טרעקל פאר'ן "בלינדן" בחור

איך האב געלערנט אלס בחור, אין די יארן תשס"ח-ס"ט, אין ישיבת צאנז אין נתניה, ארץ ישראל.

די לעצטע וואך פונעם ווינטער זמן, פאר די בחורים זענען אהיימגעפארן אויף פסח, האט כ"ק אדמו"ר מצאנז שליט"א ארומגערעדט ביי שלש סעודות פאר די בחורים איבער שמירת עינים, ער האט שטארק מאריך געווען אין דעם אז מ'פארט אהיים אויף פסח און מ'קען מיט איין ראיה אסורה דערלייגן אלעס וואס מ'האט קונה געווען במשכ'ן גאנצן זמן.

איין בחור פון חוץ לארץ, וועלכער האט געדארפט אהיימפארן מיט א פליגער, איז שטארק נתעורר געווארן פונעם רבי'נס ווערטער, און ער האט מחליט געווען ביי זיך אז במשך דער גאנצער צייט וואס ער וועט דארפן זיין אין לופטפעלד וועט ער האבן פארמאכטע אויגן.

אומר ועושה, ער האט זיך פארשאפט אן אנדערן בחור וואס איז אויך אהיימגעפארן יענער זאל זיין זיין באגלייטער, און אים פירן אין לופטפעלד וואו ער וועט שפילן בלינדער.

מ'קומט אן אין לופטפעלד, מ'שטעלט זיך אין דער רייע איינצוטשעקן, דער באגלייטער גייט צו צו טישל אינאיינעם מיט'ן בחור מיט די פארמאכטע אויגן, און גיבט איבער ביידנ'ס פאספארטן פאר'ן באאמטן. זעענדיג עמיצן מיט פארמאכטע אויגן און א באגלייטער האט דער באאמטער נישט געקענט קלערן עפעס אנדערש נאר אז דער בחור איז טאקע בלינד, האט ער גלייך אריינגערופן און ערלעדיגט פאר אים א טרעקל וואס זאל אים צופירן אינאיינעם מיט זיין באגלייטער ביז צום עראפלאן... זיי זענען דורך די סעקיורעטי אין א זייטיג שטיבל, און פון דארט האט מען זיי צוגעטראגן גלייך צו עראפלאן.

די מעשה איז געווען א שטארקער חיזוק פאר די גאנצע ישיבה - אז מ'מיינט עס אמת'דיג, העלפט דער אויבערשטער מ'זאל זיך באמת קענען היטן!

**געהערט פונעם בעל המעשה**

~

### א כשר'ע נסיעה

איך בין לעצטנס געפארן אויף א נסיעה צו מקומות הקדושים מיט מיין משפחה, וויל איך אביסל מיטטיילן ווי אזוי מיר האבן זיך מחזק געווען מיט שמירת עינים.

- מיר האבן מיטגענומען אייער גליון מיט נאך מאמרים איבער די וויכטיגקייט פון שמירת עינים צו לערנען אויפ'ן וועג.
- פארנדיג צום לופטפעלד האט מיין עלטסטער פעטער געזאגט א ווארעמע שמועס איבער שמירת עינים, און מיר האבן אלע בלב אחד אפגעמאכט אז מיר וועלן זיך היטן די אויגן במשך דער גאנצער נסיעה.
- ארומפארנדיג פון איין פלאץ צום צווייטן מיט'ן באס האבן מיר געהאלטן די פירהאנגען צוגעמאכט.

איך וויל אייך מחזק זיין אויף אייער הייליגער ארבעט, הצלחה אויף ווייטער!

**ר.י.ע.**

~

### ארבייטן צוביסלעך

לכבוד די חשובע הייליגע מערכת טהור עינים שיחי'

קודם כל וויל איך באדאנקען אויף די ערליכע ארבעט און דברי חיזוק וואס איך בין נהנה פון אייער גליון וואס עס באגלייט מיר אויף טריט און שריט.

נאכן לייענען אייער גליון איבערן קאמפיין און שטייענדיג אין די זוממער וואכן וואס מקען איבעהויפט נוצן חיזוק אין דעם נושא האב איך מיך אינטערגענומען א קבלה טובה אז די קומענדיגע דריי טעג ווען איך וועל גיין אוין גאס וועל איך זיין בעה"ב אויף מיין אויגן און נישט קוקן קיין ערגעץ בכוונה און אלס שיעבוד האב איך מיך אונטערגענומען א קנס אז אויב עס וועט מיר נישט געלונגען וועל איך געבן $20 פאר די מערכת וואס העלפט מיר ארויס.

למעשה איז ב"ה אריבערגעגאנגען די דריי טעג מיט סוקסעס אן קיין חוב אייך צו געבן. האב איך עס אויסגעצויגן פאר נאך דריי טעג, און ב"ה עלתה בידי. האב איך עס ווידער אויסגעצויגן.

יעצט נאכן שטיין נאך צוועלף טעג פונעם קבלה פיל איך, אפי' למעשה אלס דעם קנס בין איך נישט מחיוב עס צו געבן, אבער אלס הכרת הטוב פאר אזא מפעל, צו קענען דורכגיין גאנצע צוועלף טעג בשלום ובקדושה דארף איך עס געבן.

אשר ע"כ האב איך דא צוגעלייגט דעם סכום. ישלם ד' פעלך ותהי משכרתך שלימה מעם ד' בזה ובבה.

**בברכת יישר כח (-)**

# חודש אלול אין לופטפעלד?!

עס דערציילט אן אייניקל פון **הרה"ח ר' שניאר זלמן אקער ז"ל**, פון די חשוב'ע ירושלימ'ע אידן פון א דור צוריק:

כאטש די מעשה האט פאסירט מיט יארן צוריק, ווען איך בין נאך געווען א קינד, ליגט עס מיר אבער גוט אין די ביינער. די מעשה איז א מוסטער פון אן ערליכער איד, זיין לויטערן בליק ווי אזוי מ'דארף אנקוקן יעדע זאך, און זיין געוואלדיגע יראה פון א ראיה אסורה, וואס מיר קענען זיך אסאך לערנען דערפון.

מיין טאטע **הרה"ח ר' יעקב אקער שליט"א** איז אויפגעוואקסן אין ארץ ישראל, וואו זיין טאטע ר' שניאר זלמן האט געוואוינט, און זיינע אלע געשוויסטער. מיין טאטע איז דער עלסטער איז זיין משפחה, און דער איינציגער וואס האט חתונה געהאט קיין חוץ לארץ, אין קאנאדע, וואו ער ב"ה אויפגעשטעלט א שיינע משפחה.

וואוינענדיג אזוי ווייט איז פאר אונז קינדער קיינמאל נישט אויסגעקומען צו זען אונזער זיידן פון ארץ ישראל. דערפאר ווען מיין טאטע האט בשעה טובה ומוצלחת א שידוך געטון מיט זיין ערשטן קינד קיין אנטווערפן, איז אונזער שמחה געווען איבער אלע גרעניצן. אויסער דער נאטורליכער שמחה פון יעדער משפחה ווען מען פראוועט א חתונה פונעם עלסטן קינד, האבן מיר קוים געקענט ווארטן צו זען צום ערשטן מאל אונזער זיידן, וועלכער וועט אוודאי קומען פון ארץ ישראל קיין אנטווערפן צו דער חתונה פון זיין ערשטן אייניקל.

אין איינע פון די זומער טעג, מיר זענען אלע געווען דעמאלטס אינדערהיים, האט מיין טאטע אנגערופן דעם זיידן אין ארץ ישראל אים לאנדענען צו דער חתונה וועלכע האט געדארפט פארקומען אין חודש אלול. מיר האבן נישט געהערט דעם זיידן רעדן, מיר האבן נאר געהערט מיין טאטן פאר ווען ס'איז געווען א דבר פשוט אז דער זיידע וועט זיך פרייען צו זיין אויף דער חתונה פון זיין ערשטן אייניקל.

מיר האבן אויך געהערט ווי מיין טאטע פארציילט אים ווי שטארק די אייניקלעך קענען שוין קויםווארטן אים צו זען, און אויך, האט מיין טאטע צוגעלייגט, איז דאך די חתונה אין אנטווערפן, וועלכע געפינט זיך אויף איבער'ן ים, וועט דאס נישט זיין אזא גרויסן טלטול הדרך פאר'ן זיידן.

אבער אראפלייגנדיג דעם טעלעפאן זענען מיר געכאפט געווארן אין שאק הערנדיג דעם זיידנ'ס ענטפער וואס מיין טאטע האט אונז איבערגעגעבן: "איך וויל זייער שטארק זיין ביי די חתונה," האט דער זיידע געזאגט, **"מיר זענען באמת זייער פרייליך צו די חתונה, איך ווייס אבער נישט ווי אזוי א איד קען זיין אין חודש אלול אינעם לוד לופטפעלד..."**

ס'איז געווען דעם זיידנ'ס עלסטן אייניקל'ס חתונה, ער האט נאך קיינמאל נישט געזען זיינע ליבע אייניקלעך פון אזוי ווייט, אבער גארנישט האט אים געקענט ברענגען זיך צו געפינען אינעם לוד לופטפעלד אין חודש אלול. אויב קען עס קומען מיט א פרייז פון שמירת עינים האט אים נישט געלוינט די גאנצע זאך!

**פארציילט דורך אן אייניקל**

יו"ל ע"י:

## הוצאות טהור עינים

802-327-3592
1 Karlsburg rd. #203 Monroe Ny 10950

**להערות, נדבות, או לקבל הגליון בתמידית, נא להתקשר עם המערכת**

הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

אויב ווילט איר פארשפרייטן דעם גליון אין אייער ביהמ"ד אד"ג ביטע פארבינדט אייך מיטן מערכת

די מערכת זוכט א טיכטיגע יונגערמאן צו אנפירן מיט די פעולות פונעם גליון
פאר מער פרטים רופט די מערכת

## ווילט איר מפרסם זיין א מעשה?

איר קענט דאס שיקן אויף פאסט צום מערכת:
1 Karlsburg rd. #203 Monroe Ny 10950
אדער רופט אונזער ספעציעלן נומער:
**845-206-9879**

## על הטוב יזכר

הר"ר **יואל** ברי"א **וויינבערגער** הי"ו
**מנהל מפעל קביעות עתים לתורה ק"י**
**שתרם זכות 5,000 גליונות**
לברכה והצלחה בכל ענינים

~

מוה"ר **יואל** בר"ז **יאקאבאוויטש** הי"ו
**שתרם זכות 3,000 גליונות**
לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מרוביניץ** זי"ע

~

מוה"ר **אשר זעליג בלייך** הי"ו
**שתרם זכות 1,500 גליונות**
לע"נ הרה"ק **שמעון חיים ב"ר נחמן מיכל נחמינו** זי"ע בעל "זרע שמשון" - ו' אלול

~

אלו שתרמו זכות
**1,000 גליונות**

הרה"ג ר' **זלמן טייטלבוים** שליט"א
**מו"ץ בקיט"ל דסאטמאר ק"י**
לברכה והצלחה בכל ענינים

הרה"ג **אשר אנשיל קארפן** שליט"א
**ר"מ בישיבה גדולה דסאטמאר ק"י**
לע"נ **דבורה ע"ה ב"ר משה יחזקאל שרגא** הי"ו

הרה"ח **יוסף לייב סאנדער** הי"ו
לע"נ אביו ר' **שלמה זלמן ב"ר יחזקאל שרגא הכהן** (סאנדער) ע"ה - ו' אלול

מוה"ר **אברהם יעקב מערמעלשטיין** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

## ועל הטוב יזכר

אלו שתרמו זכות
**1,000 גליונות**

מוה"ר **אהרן זאב שפיטצער** הי"ו
**לרגל נשואי בתו למז"ט ולנחת מכל יוצ"ח**

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

הר"ר **יוסף אהרן סופר** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

מוה"ר **ישעיה הערש שפיטצער** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

הר"ר **ירמי' קאפעל** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

מוה"ר **הערשל גאלד** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

מוה"ר **שמעון ישראל חיים ווערצבערגער** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

מוה"ר **יחזקאל ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **הרוצה בעילום שם** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
ולע"נ הרה"ק **יקותיאל יהודה ב"ר אלעזר ניסן** זי"ע בעל "יטב לב" - ו' אלול
ולע"נ הרה"ק **יו"ט ליפמאן ב"ר נתן הלוי** בעל "תוס' יו"ט" זי"ע - ו' אלול

מוה"ר **הרוצה בעילום שם** הי"ו
לע"נ **הרה"ק רבי ישראל אברהם בן אליעזר זוסיא זצוק"ל** מסקולען

הרה"ח **יחיאל קליין** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

~